STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06787

MAYN HARBST GEZANG

Sonia Gerbert

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מײן האַרבסט געזאַנג

פון סאָניע גערבערט

1940
מיאַמי ביטש, פלאָרידא

Copyright 1940

ארויסגעגעבן פון

ס אָ נ י ע   ג ע ר ב ע ר ט

369

פאָרוואָרט

מיט איניקע יאָר צוריק איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אין מאַנוסקריפּט, איניקע פון די ערשטע שירים פון סאָניע גערבערט.

די שרייבערין, וועלכע שטאַמט פון אַן אָנגעזעענער אידישער פאַמיליע פון דער אוקראַינע, האָט אין לויף פון איר געפינען זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אָפּגעהיט און אָנגעהאַלטן די „אַלט־היימישע" צוגעבונדנקייט צו אידישע טראַדיציעס און פאָלקס־אינטערעסן. פאָלגלאַך איז זי אַקטיוו פאַראינטערעסירט אין דער אידיש־נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

אירע פערזן האָבן מיר גלייך פון אָנפאַנג פאַראינטערעסירט און גלייכצייטיק אימפּאָנירט מיט זייער עכטקייט, און אמת־פאָלקסטימלאַכן טאָן. איך האָב דער שרייבערין דערמוטיקט אָנצוגיין ווייטער מיט איר ארבעט אויף דעם ליטעראַרישן געביט און ניט אנטמוטיקט ווערן.

אַ טייל פון אָט־די לידער זיינען דערשינען אין פאַרשידענע צייטשריפטן. איניקע פון זיי זיינען געזונגען געוואָרען אויף אידישע ראַדיאָ־פּראָגראַמען, און זיינען אויך וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון עולם אויף פאַרזאמלונגען, וואו סאָניע גערבערט איז אויפגעטראָטן און זיי פערזענלאַך פאָרגעלעזן.

אַ באַזונדער חן שוועבט איבער די יעניקע פון אירע לידער וועלכע ברענגען און שילדערן זכרונות פון דער אַלטער היימישער שטעטל אויף יענער זייט ים, פון דעם דאָרטיקען אמאָליקן אידישן לעבנס־שטייגער, פון די יוגנט־צייט

ס אָ נ י ע   ג ע ר ב ע ר ט

חלומות, איבערלעבונגען א.א.וו.

איצט — אז סאָניע גערבערט האָט צוגעגרייט צום דרוק אין בוך-פאָרם איר ערשטע זאמלונג-לידער, ווינטש איך איר דערפאָלג, און האָף אז די פובליקאציע פון דעם פאָרליגענדן באַנד וועט פאראינטערעסירן די לייענער און וועט פאר דער דיכטערין זיין א דערמוטיקונג צו וויטערער שאפונג.

משה פריילִיכאָוו.

איינלייטונג

בײ אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון דער שפּינאָזאַ־גרופּע בין איך באַקאַנט געוואָרן מיט אַ פֿאַרנעם אויסזעענדער דאַמע, וועלכע מען האָט מיר פֿאָרגעשטעלט אַלס פֿרוי סאָניע גערבערט, אַ פֿאַרפֿאַסערין פֿון פּאָעמען און לידער. אָננעמענדיק מײַן אײַנלאַדונג, האָט זי פֿאָרגעלייענט עטלאַכע פֿון אירע געדיכטען פֿאַר דער גרופּע. דער עולם האָט די פּאָעמען זייער גוט אויפֿגענומען און אַזוי זײַנען איבער אַ צײַט פֿון עטלאַכע מאָנאַטן די מערסטע פּאָעמען פֿון דעם פֿאָרליגענדען ביכעל פֿאָרגעלייענט געוואָרן פֿאַר דער שפּינאָזאַ־גרופּע, און האָבן אַ סך בײַגעטראָגן צו דעם פֿאַרגעניגן און דער אונטערהאַלטונג פֿון די פֿאַרזאַמלטע. זיי זײַנען געווען אַ גוטער צושפּײַז נאָך דער שווערער דיעטע פֿון פֿילאָזאָפֿישע דיסקוסיעס. — איך בין זיכער אַז אַלע, וואָס האָבן פֿרוי גערבערט׳ס געדיכטן געהערט, וועלן זײַן זייער צופֿרידן דערמיט וואָס איר ווערק וועט איצט באַקאַנט ווערן אין ווײַטערע קרייזן.

⁂

פֿון אייביק אָן האָבן זיך געפֿונען מענטשן — מאַנכע פֿון זיי אַפֿילו פֿון אַ גאָר הויכן קולטור־שטאַפּל — וועלכע האָבן אַוועקגעשטעלט די פֿראַגע פֿון דער נוצלאַכקייט פֿון פּאָעזיע. „וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט פּאָעזיע?״ האָבן זיי געפֿרעגט. באַטראַכט פֿון אַ מאַטעריעלן שטאַנדפּונקט, איר איר ווערט גאָר קליין. די גרעסטע דיכטער האָבן געליטען מאַנגל און נויט. „פּאָעזיע״ — שרײַבט פּוללער — „איז מוזיק אין ווערטער; און מוזיק איז פּאָעזיע אין טע-

נער;ביידע זיינען זייער באַ'טעמ'טע צושפּייזן, אָבער די וואָס האָבן זיי געמאַכט פאַר זייער הויפּט־שפּייז, האָבן גע־לעבט אין אָרימקייט און זיינען געשטאָרבן אין אָרימקייט"... וועט אפשר דער לעזער רייך ווערן פון לייענען פּאָעזיע? ניין, דאָס אויך נישט! האַלט אפשר די פּאָעזיע דעם שלי־סעל צו מאָראַלישקייט און קאָן זי, אַזוי ווי די פילאָזאָפיע, דינען אַלס אַ פירער אויף דעם גוטן לעבנס־וועג? אויך דאָס איז פון מאַנכע אָפּגעלייקנט געוואָרן, און פּלאַטאָ אין זיין „רעפּובליק" פאַרטרייבט די פּאָעטן פון אוטאָפּיע, ווייל זיי זיינען נישט נוצלאַך און ניט מאָראַליש...

אָבער פונדעסטוועגן, און נאָך די אַלע פאַרניינונגען, קאָן די באַצייכנונג „זיסע אַנטציקונג" וועלכע פּלאַטאָ האָט באַנוצט פאַר פילאָזאָפיע, מיט מער בארעכטיקונג און מיט גרעסערער פּאַסיקייט באַנוצט ווערן פאַר פּאָעזיע. נישט נוצלאַכקייט, און נישט מאָראַלישקייט, נאָר שיינקייט איז דער מאַסשטאַב מיט וועלכן מיר מעסטן דעם ווערט פון פּאָעזיע. און אַזוי זעען מיר אַז אין דער צייט ווען דיכ־טער האָבן געליטן מאַנגל און נויט, איז די דיכט־קונסט אַליין שטענדיק געוואַקסן אין דער אַכטונג און אין דער פאַרערונג פון דעם פּובליקום פון פאַרשידענע צייטן. אויב די פילאָזאָפיע שטרעבט צו באַווייזן אַז דאָס לעבן האָט אַ זין, שטרעבט די פּאָעזיע צו באַווייזן די פולקייט און שיינ־קייט פונם לעבן. דער פילאָזאָף זוכט דאָס „גוטע" לעבן; דער פּאָעט באַנוגנט זיך צו באַווייזן אַז דאָס לעבן איז גוט, ער ווייזט אָן זיינע פאַרבאָרגענע שיינקייטן. ער מאַכט אונז אויפמערקזאַם אויף די באַזונדערע ליבלאַכקייטן, צו וועלכע מיר האָבן זיך אַזוי צוגעוואוינט אַז מיר באַמערקן זיי נישט מער. ער עפנט אונזערע אויגן צו דער שיינקייט פון די בוימער, די בלומען און די שטערן. ער מאַכט אונז מיט־פילען די געפילן פון אונזערע מיטמענטשן. ער עפנט אונ־

זער האַרץ פאַר די שטימונגען און עמאָציעס פון אַנדערע. אָפט געפינט דער דיכטער דעם אויסדרוק פאַר די געפילן וועלכע מיר אַליין זיינען נישט פייאיק אויסצודריקן. אויב דער פילאָזאָף האָט א ווייטערן האָריזאָנט ווי דער פּאָעט, האָט אָבער דערפאַר דער פּאָעט א גרעסערע עמפינדלאַכקייט. ער רעאַגירט אויף דער קלענסטער קלייניקייט. ער פאַר־צייכענט איינדרוקן וועלכע בלייבן פאַר דעם פילאָזאָף אום־באַקאַנט.

סאָניע גערבערט האָט די אַלע אייגנשאַפטן פון דעם פּאָעטישן טאַלאַנט. אירע געדיכטן פינקלען מיט וויץ און הומאָר, מיט שיינקייט און צאַרטקייט. די דיכטערין פאַר־שטייט דעם גייסט פון אונזערע פאָלקס־מענטשן און ווייסט אויסגעצייכנט ווי אזוי זיינע פאַרשידענע שטימונגען אויס־צודריקען. זי סימפּאַטיזירט אפילו מיט מענטשלאַכע שוואַכקייטן. אפילו דאָס וואָס איז אבסורד קאָן זי פאָר־שטעלען אין דער מילדער באַלייכטונג פון איינעם וואָס פאַרשטייט און איז גרייט ארויסצואווייזן פארשטענדעניש. זי טראָגט אונז אונטער א שפּיגל אין וועלכן מיר זעען פילע זייטן פונם טעגלאַכן אידישן לעבן.

איך האָף אז דאָס בוך פון גלענצענדע פּאָעמען און פיינער פראָזע וועט געפינען א וואַרימע אויפנאַמע ביי אַ גרויסער צאָל אינטעליגענטע לעזער.

דר. אייבראַהאַם וואָלפסאָן.

מיאַמי ביטש, פלאָ.

18־טן אָקטאָבער, 1939.

סאָניע גערבערט

מיין גאָרטן

האָט איר געזען אמאָל מיין גאָרטן,
אין א זוניקן פרימאָרגן?
ווען איר גיט אויף אים א קוק נאָר,
פאַרגעסט איר אַלע זאָרגן.

ווען מיין גאָרטן, אין פריען פרילינג,
נעמט זיך נאָר צעבליען,
לאָזט דאָס מיך אין שטוב ניט זיצן,
לאָזט דאָס מיך ניט רוען.

ווייל ער ציט צו זיך און מיניעט,
ווי א פאַר׳כישופ׳טער גן־עדן,
ער דערמאָנט מיר אין מיין יוגנט,
און ברייננגט מיר נייע פריידן.

ווען די בוימער, פריש צעגרינטע,
זייערע שאָטנס שפּרייטן,
ליג איך דאָרט און וועב חלומות,
וואָס קומען אומגעבעטן.

און די רויזן, מיט קאָלירן
פון א רעגן־בויגן,
שפּרייטן זיך איבערן גאָרטן,
און בלענדן מיר די אויגן.

מ י י ן   ה אָ ר ב ס ט   ג ע ז אַ נ ג

הײנט די פֿײגעלאך אין גאָרטן,
מאַכן נײַע נעסטן,
און מיט זײערע געזאַנגען,
טוען זײ מיך טרײסטן.

און װען דער בלאָער „בעז" צעבליט,
מיט זײַנע אַראָמאַטן,
װעל איך דעמאָלט שױן מײַן גאָרטן
אױף אוצרות ניט פֿאַרבײַטן.

װײַל מײַן גאָרטן, מוזט איר װיסן,
קען מען ניט פֿאַרגלײַכן,
צו אַזױ זיך גלאַט אַ גאָרטן,
װאָס מען קען פֿון בױמלאך מאַכן.

מ י י ן ג אָ ר ט ן , האָב איך א ירושה,
פֿון מײַן עלטער-זײדן,
און איך װינטש אים, פֿאַר דעם גאָרטן,
דעם ליכטיקן גן-עדן.

ס אָ נ י ע   ג ע ר ב ע ר ט

די ווילדע נאַטור

באַרג און טאָל צונויפגעגאָסן,
אַ טומאַן איז ווייט פאַרשפּרייט,
כ׳האָב דיך ליב, נאַטור דו שיינע,
ווען אַ שטורם־רעגן גייט.

כ׳האָב ליב די פרעסט די שטאַרקע,
מיט דעם זילבער ווייסן שניי;
ווען איך בלאָנדזשע אין דער ווייטקייט,
און איך ווייס׳ ניט וואו איך גיי.

כ׳האָב ליב די שטאַרקע כוואַליעס,
פון דעם שטורעמדיקן ים,
ווען זיי הויבן זיך און קלאַפּן,
און זיי גיסן פון זיך שוים.

כ׳האָב ליב צו זען די שטורם ווינטן,
ווען זיי ברעכן בוים נאָך בוים;
און די פויגל טויט־דערשראָקן,
הויבן זיך אין ווייטן רוים.

כ׳האָב ליב די דונערן און בליצן,
זיי זיינען ווי מוזיק צו מיר.
אָט דערפאַר, נאַטור דו ווילדע,
זינג איך איצט אַ שיר צו דיר.

אַן אַדווערטייזמענט

כ'האָב א צימער צו פארדינגען,
זוך איך מיר אַן אלטן פּאָר־פאָלק,
מען זאָל ניט טאַנצן און ניט זינגען,
מען זאָל לעבן מיט א טאָלק.

אויפשטיין פרי, פרי זיך לייגן,
זיך ניט דרייען פאַר די פּיס.
און ביינאַכט זאָל איך ניט הערן,
ניט קיין כראָפּ, און ניט קיין ניס.

זיי זאָלן אין קיך אריין ניט קומען,
ניט צום אויוון, ניט צום סינק;
זיי זאָלן אין רעסטאָראַנען עסן,
און אויך כאַפּן דאָרט א טרונק.

און ווען עס טרעפט אמאָל א רעגן,
מ'קען אין רעסטאָראַן ניט גיין,
זאָלן זיי גאָר אָן עסן
און אָן טרינקען זיך באַגיין.

האָט אויף זיי ניט קיין רחמנות,
ס'איז פאר אַלטע מענטשן גוט,
ווען זיי פאַסטן אָפט א תענות,
און שטילערהייט אין בעט מען רוט.

ס אָ נ י ע ג ע ר ב ע ר ט

ז כ ר ו נ ו ת

גערדיינקסטו, חנה, אין אונזער שטעטל,
די ווינט־מיל, אַט די אַלטע,
וואו מיר פלעגן זיך באַהאַלטן,
אין די נעכט די קאַלטע.

געדיינקסטו איינמאָל אין אַ רעגן,
אין דונערן און בליצן —
זיינען מיר אַהין געקומען,
זי זאָל אונז באַשיצן.

געדיינקסט, ווי דו פלעגסט מורא האָבן,
און פלעגסט צו מיר זיך טוליען —
ווען אַ פלעדערמויז איז פאַרביי געפלויגן —
און דער ווינט פלעגט זיך צעהוליען.

ביי אונז אין שטעטל פלעגט מען זאָגן,
עס האַלטן זיך דאָרט שדים,
פאַר אונז איז אָבער דאָרט געווען —
דער ערדישער גן־עדן.

עס איז שוין איצט פון אונזער שטעטל,
קיין זכר ניט געבליבן —
און איך, און חנה, פון גן־עדן,
זיינען לאַנג פאַרטריבן.

איך וועל אָבער ניט פאַרגעסן,
די ווינט־מיל, אַט די אַלטע,
וואָס האָט געמאַכט אונז אַ גן־עדן
פון אַ וועלט אַ קאַלטע.

ס אָ נ י ע   ג ע ר ב ע ר ט

י ו ג נ ט

אין מיין שטעטל פליסט א טייכל,
איז דאָס זייער גרוים!
איך פלעג דאָרטן ביי מיין ליבן,
זיצן אויפן שוים.

ער פלעגט מיינע לאָקן גלעטן:
זאָגן איך בין שיין.
איך פלעג לאַכן און אים זאָגן —
ער האָט דערביי א מיין.

ער פלעגט דעמאָלט זיך אָנצינדן,
און זאָגן איך בין שלעכט;
פלעג איך זיינע ליפּן קושן,
אים זאָגן: ער האָט רעכט.

מיין ליבער איז שוין לאַנג פארשוואונדן,
דאָס שטעטל איז פאַרוויסט —
מיין נשמה איז פול מיט וואונדן,
דאָס טייכל פליסט און פליסט...

ס אָ נ י ע   ג ע ר ב ע ר ט

ח נ ה

זיצט אַ מיידל אויף א בערגל,
אין אַ בוך איז זי פאַרטיפט —
גייט א בחור אַ פאַרטראַכטער,
און שטילערהייט איר נאָמען רופט.

וואַרף אוועק דאָס ביכל, חנה —
די נאַטור איז אזוי שיין;
לאָמיר אין דעם גרינעם וועלדל,
איך און דו שפּאַצירן גיין.

איך וועל דיר דאָרט אַ סוד פאַרטרויען;
פון מיין טיפן ליבעם טרוים,
שלעסער וועלן מיר דאָרט בויען
אונטערן שאָטן פון א בוים.

א מ אָ ל

אַמאָל —

ביי מיר אין שטעטל אין מיין גאָרטן,
פלעגן רויזן בליען,
אויף דעם דעכל פון מיין שטיבל,
פלעגן טויבן פליען.

און דעם שכנ׳ס שיינע טאָכטער,
פלעגט אין פענסטער זיצן,
פון די גרויסע שוואַרצע אויגן,
פלעגט א פייער שפריצן.

איך פון וויטן האָב געפילט שוין,
אירע הייסע בליקן.
און איך האָב געוואוסט אין האַרצן,
אַז זי פלעגט צו מיר זיי שיקן.

היינט —

איצט, דער גאָרטן איז פארוואקסן,
מיט קראָפּיווע, בוריאַנעץ,
און די רויזן פון דעם גאָרטן,
שוין פאַרטריקנט זיינען.

און די טויבן פון דעם דעכל,
זיינען זיך צעפלויגן;
און דאָס מיידל איז אַ באָבע,
שוין מיט בלינדע אויגן.

סאָניע גערבערט

מיין טרייסט

ווען מיין האַרץ פּאַגט אָן צו נאָגן,
ווען איך פיל זיך עלנט און דערשלאָגן —
נעם איך שרייבן זיך א ליד,
און עס בייט זיך מיין געמיט.

און ווען דאָס ליד איז אָנגעשריבן,
און איך זינג דאָס מיט געפיל —
ווערט דער אומעט באַלד פאַרטריבן,
און אַלעם ווערט ביי מיר א שפּיל.

שפּיל איך, זינג איך, קער איך וועלטן,
און דאָס האַרץ ווערט ווייטער גאַנץ —
און עס ווערט מיר אזוי פריילאך,
אַז איך לאָז זיך אין אַ טאַנץ.

טאַנץ איך לעבעדיק, מיט פייער!
און איך דריי זיך אין א ראָד,
ס'לעבן ווערט מיר ווייטער טייער,
און יעדער שעה איז מיר א שאָד.

א ווינטערדיקע אידיליע

איך, און „סיאָמע” אויף א שליטן,
און א „טראָיקע” שטאַרקע פערד,
יאָגן זיך ווי פייל פון בויגן,
אויף דער גלאַטער, ווייסער ערד.

און די גלעקעלאַך, זיי קלינגען,
און מיר פריילאַך לידער זינגען;
לויפט־זשע פערדעלאַך געשווינדט,
טראָגט אייך, טראָגט אייך ווי אַ ווינט!

טראָגט אייך איבער פעלדער ברייטע,
איבער וועגן וויים־צעשפרייטע —
ברייננגט אונז ביידן אויף אַן אָרט,
וואו עס הערשט נאָר פריידן דאָרט.

ס אָ נ י ע   ג ע ר ב ע ר ט

אויף דער נאטור

גאָלדיק איז דער הימל,
מיט טוי באַדעקט דאָס פעלד;
מיר זיינען ווייט אוועק פון טומל —
אין אַ נייער וועלט.

אין אַ וועלט פון געלע זאַנגען,
ווייט פון דעם געדריינג,
אין אַ וועלט פון זיסע קלאַנגען,
פון פויגלשן געזאַנג.

פון אַלערליי קאָלירן,
ווערט דאָס אויג פאַרכאַפּט,
א פויגעלע גוט מאָרגן —
מיר אין פענס'טער קלאַפּט.

דאָס שטיבעלע דאָס קליינע,
ווי אַ פויגל-נעסט —
איז באַפּוצט מיט בלומען —
עס וועט אונז ברייגנען טרייסט.

מיין האַרבסט געזאַנג

א חלום

ווייסטו, דבורה, איך האָב געזען,
דיך אין חלום נעכטן?
איך האָב געזען דיך פון רויזן,
שיינע קראַנצן פלעכטן.

איך האָב געזאָגט דיר אויפן אויער,
דו ביזט פון זיי שענער,
האָסטו געענטפערט מיט א שמייכל —
אזוי זאָגן אַלע מענער.

האָב איך באפוילן דו זאָלסט שווייגן!
מער קיין וואָרט ניט ריידן!
דו זאָלסט ניט וואַגן מיר צו שטערן,
מיינע טרוימען, פריידן!

האָבן דיינע אויגן אויפגעלויכטן,
מיט צוטרוי און מיט גלויבן —
און די ליפּן האָבן שטיל געשעפּטשעט—
מירן לעבן ווי די טויבן.

ס אָ נ י ע   ג ע ר ב ע ר ט

ד ע ר י נ ע ר ו נ ג ע ן

ציען זיך געדאַנקען, אזוי ווי אַ קייטל,
איך דערמאָן זיך אָן בערגל —
ביי אונז אין דעם שטעטל:
ווען איך פלעג אין די זומער היצן,
מיט מיין ליבן דאָרטן זיצן.

איך פלעג זיך פארטיפן,
און לייענען א ביכל,
און ביי אים אין די אויגן —
פלעגט טאַנצן א רוח'ל.

ער האָט ניט געזען,
דעם באַרג מיט די גראָזן,
ער האָט ניט געזען —
ווי עס שרפינגען די האָזן.

ער האָט נאָר געזען,
דאָס מיידל אין ווייסן,
און מיט די אויגן,
געוואָלט זי צערייסן.

זי רופט און מען הערט ניט

מיין יוגנט איז אוועק,
אַן גליק און אַן פריידן;
מיין לעבן באַשטייט
פון זאָרגן און ליידן.

איך בין׳עלנט ווי אַ שטיין,
מיך קיינער באַגערט ניט;
איך בין אימער אַליין,
איך רוף און מען הערט ניט.

איך זוך מיר אַ פריינט,
נאָר קיינער זוכט מיך ניט.
איך האָב אַלעמען ליב —
נאָר קיינער ליבט מיך ניט.

ס אָ ו י ע   ג ע ר ב ע ר ט

פאַרלוירענע האָפענונגען

אין מיין טטעטל אין דעם קליינעם,
לויפט אַ וואַסער פון אַ קוואַל,
דאָרט גייט א מיידל מיט א קריגל —
איינגעהילט אין רויטן שאַל.

אָנגעפילט דאָס קריגל וואַסער,
גייט זי צוריק אַזוי פאַרטראַכט —
דאָס טראַכט זי פון איר געליבטן,
וואָס זי פלעגט דאָ טרעפן יעדע נאַכט.

זיי פלעגן ביידע שטיפן, לאַכן,
זי פלעגט זיין גליקלאַך אָן א שיעור.
און זיי פלעגן פלענער מאכן —
פאר דער צוקונפט: ער מיט איר.

איצט זאָגן איר געהיימע שטימען,
אַז געענדיקט איז איר גליק,
אַז איר ליבער, אויסדערוויילטער —
קומט שוין קיינמאָל ניט צוריק.

דער האַרבסט

די הימלען גרוי,
די לופט שוין קאַלט;
דאָרט גייט א פרוי,
געקנייטשט און אַלט.

זי איז אויך אַמאָל,
ווי די נאַטור געווען,
בליענד, יוגנטלאך און שיין.

די בלעטער געלע,
דאָס גראָז שוין טרוקן,
עס בויגט זיך שוין
ביי איר דער רוקן.

ס'איז שווער צו גלויבן,
אז זי איז יונג געווען;
און האָט באַגייסטערט,
מיט איר חן.

די פרעסט שוין קומען,
זיך באַהאַלטן;
זוכט שוין יעדער
פון די ווינטער־קעלטן.

די פרוי? איז גרוי,
אַלט און קראַנק,
אויף איר יוגנט
טוט איר באַנק.

דער פרילינג וועט ווייטער קומען באַלד,
עס וועט גרינען נאָך אמאָל דער וואַלד,
די פרוי וועט יונג ניט ווערן מער;
דערפאַר פאַרגיסט זי אָפט א טרער.

ס אָ נ י ע   ג ע ר ב ע ר ט

דער זיידע אין פרעמדן לאַנד

זאָג מיר, זיידעניו, וואָס קרעכצסטו,
ס׳טוט דיר אפשר עפּעס וויי?
צי נאָך דעם אַלטן בית-המדרש לעכצסטו,
און נאָך דעם זילבער ווייסן שניי?

צי בענקסטו אפשר נאָכן שטעטל,
וואו דו האָסט דיין יוגנט פארבראכט,
זאָג מיר, זיידעניו, דעם אמת;
פאַרוואָס ביזטו אזוי פאַרטראַכט?

צי ביינקסטו גאָר נאָך דער באָבען,
וואָס איז שוין אין גן-עדן לאַנג,
און דו פילסט זיך עלנט און פאַרלאָזן,
און ס׳טוט דיר נאָך איר אזוי באַנק.

זאָג מיר, זיידעניו, וואָס זאָרגסטו?
אין דיינע אויגן זע איך אָפט א טרער.
צי ביינקסטו אפשר נאָך דיין יוגנט,
וואָס זי וועט ניט קומען מער?

מ י י ן   כ ל ה

אַמאָל —

אויף דער הויך פון אַ סקאַלע,
שטייט א שטיבעלע אַ קליינס,
דאָרטן האָט געוואוינט מיין כלה;
אַ וואויל מיידעלע, אַ שיינס.

איך פלעג קומען זי באַזוכן,
יעדן שבת אויף דער נאַכט;
זי פלעגט מיר געבן פוטער־קוכן,
און האָט טיי פאַר מיר געמאַכט.

מיר פלעגן גיין דערנאָך שפּאַצירן,
אין דער פינסטער אויפן באַרג,
און וויפיל איך פלעג זי ניט ליבן,
איז נאָך אַלץ געווען מיר קאַרג.

איצט —

שטאַרק און מעכטיק איז די סקאַלע,
דאָס שטיבל איז א חורבה שוין;
און פאַרעלטערט איז מיין כלה,
און איך אליין אַ זקן שוין.

ס אָ נ י ע   ג ע ר ב ע ר ט

דער ניט פאַרגינער

מיין שכן האָט א שיינע שטוב,
מיין שכן האָבן מיידלאך ליב —
איך האָב ניט קיין שטוב קיין שיינע,
מיך ליבט ניט אפילו איינע.

מיין שכן האָט א קו, אַ קעלבל,
מיין שכן האָט א פיין געוועלבל,
איך האָב אפילו ניט קיין ציג;
ניט קיין קינד, ניט קיין וויג.

דער שכן האָט אַ שיינעם גאָרטן,
פרישטיק עסט ער פוטער־טאָרטן,
איך האָב אפילו ניט קיין ברויט,
און קיין פוטער ניט קיין לויט.

מיין שכן איז א יונג מיט ביינער,
ער איז א קלוגער און א שיינער,
איך בין ניט קלוג און בין ניט שיין.
און האָב ביי קיינעם ניט קיין חן.

אירע סואווענירן

אין אַ שטיבל, ביי אַ פענסטער,
זיצט אַ פרוי און קוקט ארויס,
אַלטע בריוו, און רויזן־בלעטלאך
האַלט זי זאָרגפול אויף איר שויס.

דאָס זיינען אירע סואווענירן,
פון איר יוגנט, פון איר פּראכט,
פון די רויזן־בלעטלאך און פּאפּירן,
זיצט זי אימער און זי טראַכט.

אין די בריוולאך יעדע שורה,
דערמאָנט אַן אנדער עפּיזאָד,
פון איר לעבן, פון איר שטרעבן,
וואָס זי האָט אמאָל געהאט.

נישטאָ פאַר איר שוין מער קיין צוקונפט,
נישטאָ קיין היינט אפילו מער,
אַלעס, וואָס איר איז געבליבן;
איז בלויז זכרונות און אַ טרער.

ס אָ נ י ע   ג ע ר ב ע ר ט

געווידמעט מיין באָבע און זיידע

זיצט דער זיידע מיט דער באָבען,
ער דערמאָנט זי פון אמאָל;
ווי ער האָט זי צוערשט געטראָפן,
קלייבן יאַגדעס אין טאָל.

ווי ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן,
פון איר יוגנט און איר פּראַכט,
ער איז קיין נעכט שוין ניט געשלאָפן,
און האָט נאָר פון איר געטראַכט.

ווי ער איז צו איר געקומען,
פול מיט ליבע און באַגער,
ווי ער האָט געזען אין אירע אויגן,
שפּיגלען זיך א פריידן טרער.

זיצט דער זיידע מיט דער באָבען,
ער דערמאָנט איר דעם אַמאָל,
ווערן די הערצער ביי זיי יונגער,
און ווידער גרינט דער שיינער טאָל.

צען געבאָט

(צו א ניי בעל־הבית׳ל)

פרעגסט ווי דו זאָלסט זיך פירן,
אין דיין נייעם לעבן?
ווילסטו פאָרן, מוזטו שמירן,
ווער ניט מיד צו געבן?

ווילסט זי זאָל דיך האָבן ליב,
זע זשע גיב איר גוטע קעסט,
גרייט איר צו א שיינע שטוב,
און פון אלעם גאָר דאָס בעסט.

גיב איר ליבע ווען זי וויל,
ווען זי וויל ניט האַלט זיך שטיל,
שטעל א מאָס צו דיין גענוס,
אַלץ ווערט מיאוס פון איבערפלוס.

זיי קיין הערשער איבער איר,
זאָל זי פריי זיין גלייך מיט דיר,
זיי ניט „דזשעלאָס״ ווי אַ טערק,
קושט זי ווען ערעמען, ניט באַמערק.

ווערסטו האַלטן די צען געבאָט,
ווערט איר זיין געבענטשט פון גאָט.

ס אָ נ י ע   ג ע ר ב ע ר ט

א מאָרערנע תפילה פון א גלות איד

אין א שאָטן פון א בוים,
שטייט א איד און קוקט אין רוים,
די אויגן שטאַר, די ליפּן בלאַס,
און דאָס פּנים קאַליך ווייס.

ער שטרעקט די הענט צום הימל אויס,
ער לאָזט אַ יאָמער קול ארויס;

הימל, לבנה, שטערן א פּראכט,
וואָס האָבן מיט צאַרטקייט,
די ערד אונז באַלייכט;
רואיקע טעג, זיכערע נעכט,
וואו זיינט איר פארשוואונדן,
ווער האָט אייך פארשוועכט?

גאָט! צי שלאָפסטו, צי ביזטו טויט?
קאָנסטו ניט זען די ביטערע נויט!
וואָס איז באַפאַלן דיין פאָלק ישראל,
דאָס אויסגעוויילטע פון אַמאָל,
קאָנסטו ניט זען ווי איינער צי צוויי,
האָבן פאַרוואַנדלט דאָס לעבן
אין אַ ביטערן וויי?

מיין האַרבסט־געזאַנג

ווי זיי צעשטערן די ארבעט,
צעשטערן די מי,
צעשטערן דאָס לעבן,
צעשטערן די רו?

בעט איך דיך, גאָט!
אויב דו ביסט ניט טויט,
העלף אונז איצט,
אין אונזער נויט!

ס אָ נ י ע ג ע ר ב ע ר ט

צ ו מ י י ן פ אָ ל ק

ווער זאָגט אז די הימלען זיינען מער שוין ניט בלוי?
ווער זאָגט אז די וועלט איז פארכמורעט און גרוי?
ווער זאָגט, אז די זון שיינט מער ניט ווי גאָלד?
און ס׳טאנצט ניט און זינגט ניט דער פויגל אין וואלד.

ניט אמת! איך האָב געזען אליין,
ווי פאר׳כישופ׳ט אין בלוי דער הימל איז געווען —
ווי די זון האָט געשיינט מיט א פרעכטיקן גלאַנץ,
ווי די פויגל האָבן געזונגען און זיך געדרייט אין א
טאנץ.

די נאַטור איז דיזעלבע, וואָס געווען איז אמאָל,
דיזעלביקע בערג, דערזעלביקער טאָל,
דערזעלביקער וואַלד דאָס זעלביקע פעלד,
נאָר דו ביסט געביטן, דו זעסט ניט די וועלט.

עס איז געביטן דיין נשמה, עס איז געביטן דיין הארץ,
דיינע אויגן זעען דעם קאָליר נאָר פון שווארץ —
דו קאָנסט זיך ניט פרייען מיט דער נאטור, וואָס איז
שיין —
ווען עס טראָגן זיך קלאנגען פון יאָמער, געוויין.

די קאַלטע שטאָט

וואוין איך אין אַ דערפעלע,
ביינקט זיך נאָך דער שטאָט;
קום איך נאָר אין שטאָט אריין,
פאַרליר איך באַלד דעם מוט.

פון מיליאָנען בין איך איינע,
אַ זעמדעלע אין ים,
קיינער ווייסט מיך, קיינער קען מיך,
איך מיש זיך אוים אין שטראָם.

עס' ווילט זיך אויסגיסן דאָס האַרץ,
פאַר אַ פריינט אַן אַלטן,
און דאָ בעגעגן איך ניט מער,
ווי אַ בליק אַ קאַלטן.

לאָזט מיך צוריק אין דאָרף אריין,
וואו די זון פון הימל שיינט,
וואו הערצער זיינען ווארימער,
און א פריינט איז טאַקע אַ פריינט.

ס אָ נ י ע ג ע ר ב ע ר ט

ע ר א י ז אַ ל ט

די שיינע לבנה גייט אויף און פארגייט,
די גאָלדיקע זון אירע שטראַלן פארשפרייט,
אין די ימים די כוואַליעס קומען אריין און ארויס,
ד ערד גיט אירע תבואות ארויס,
עדער באַשעפעניש טוט זיין געבאָט,
נאָר אַנטשלאָפן געוואָרן איז אונזער גאָט.

אַנטשלאָפן געוואָרן מיט א פאר׳כּישוּפ׳טן שלאָף,
ער הערט ניט די תפילות,
ער הערט ניט דעם רוף!

סאָניע גערבערט

מיידלשע פאַנטאַזיעס

פריינט מיינע, ליבינקע,
פריינט מיינע, שיינינקע,
האָט איר געזען —
די שטיבעלאך ריינינקע?
וואָס שטייען אין מיין שטעטעלע,
שורה נאָך שורה.
און די געסעלאך לאנגינקע,
גלייך ווי א ווירע?
אונטער די שטיבעלאך,
וואַקסן בוימעלאך גרינינקע,
און אונטער די בוימעלאך,
זיצן מיידעלאך יונגינקע.
זיי זיצן און חלום׳ען,
פון וועלטן פאר׳כישוף׳טע,
ווען זיי וועלן זיך באפרייען,
פון די מאַמעס בא׳ישוב׳טע.
וואו עס וועלן זיי באַגעגענען
שיינע פרינצן אין קרוינען,
וואו זיי וועלן מיט זיי דאָרטן,
אין פאַלאַצן גרויסע וואוינען.
און זיי וועלן אין די שטיבעלאך,
אינגאנצן פארגעסן —
ווייל זיי האָבן זיך זיי שוין
אזוי שטארק צוגעגעסן.

ס אָ נ י ע   ג ע ר ב ע ר ט

ביי מיר אין שטעטל

איך דערמאָן זיך פון אמאָל,
ביי אונז אין שטעטל אין א טאָל;
פלעגט א ריטשקעלע ברומען,
און מיידלאַך זיינען דאָרט געקומען.

יעדער מיידל, יונג און שיין,
זיי פלעגן קומען ניט אליין,
עס פלעגן קומען מיט זיי יונגען,
און זיי פלעגן לידער זינגען.

און אויף די בוימער פלעגט מען קריכן,
פויגל־נעסטן דאָרטן זוכן.
מען האָט געשטיפט, מען האָט געלאַכט,
און מען האָט לוסטיק זיך פארבראכט.

און ווען די נאַכט מיט אירע שאָטנס,
האָט גענומען זיך שוין שפרייטן;
פלעגט א אינגל ביי א מיידל
אַ גלעט, אַ קוש פאר זיך אויסבעטן.

און דאָס ריטשקעלע פלעגט ברומען,
זיך פארמישן מיט די שטימען;
פון די מיידלאַך מיט די יונגען,
וואָס פלעגן דאָרטן לידער זינגען.

די פאַרזעסענע

איך בין געווען א שיינע מיידל,
הויך, גראַציעז און איידל,
שוואַרצע אויגן ווי די קאַרשן,
פון מיין טאַטן האָב איך גע'ירשנ'ט.

אַ נעזל געטאָקט ווי פון עלפאַנט־ביינער,
און א שטערן אויך א שיינער,
פלעגן אינגלאך פון שטעטל אַלע,
נאָר מיר וועלן פאַר אַ כלה.

איצט בין איך שוין אין די יאָרן,
איך בין אָבער ניט ווייט פאַרפאָרן;
איך האָב געוואַרט אויף א פרינץ א שיינעם,
און בין געבליבן גאָר אָן קיינעם.

סאָניע גערבערט

עס דרייט זיך דאָס רעדעלע

עס דרייט זיך דאָס רעדעלע,
עס דרייט זיך ארום;
וואו איז דאָס מיידעלע,
וואָס איז געווען גוט און פרום?
געווען ווי די מאַמע
צניאות׳דיק שיין —
די אויגן געלויכטן,
מיט אידישן חן.

עס׳ דרייט זיך דאָס רעדעלע,
אהין און אהער;
וואו איז דאָס מיידעלע,
וואָס איז מיין באַגער?
ווען זי האָט פון א מאנסביל,
דאָס קול נאָר דערהערט,
אראָפּגעלאָזט האָט זי —
די אויגן צו ד׳רערד.

עס׳ דרייט זיך דאָס רעדעלע,
עס דרייט זיך געשווינד,
וואו איז דאָס מיידעלע,
דאָס אומשולדיקע קינד?
דאָס מיידעלע, וואו איז?
פון דעם אלטן אַמאָל,
וואָס איר גוף זי האָט באהאלטן,
אין רייפן פון שטאָל.

מיין האַרבסט געזאַנג

עס׳ דרייט זיך דאָס רעדעלע,
עס וועט זיך נאָך דרייען,
דאָס אמאָליקע מיידעלע
וועל איך שוין ניט זען.
דאָס אמאָליקע מיידעלע,
איז טויט שוין לאַנג —
און עס׳ טוט מיר נאָך איר —
אזוי מורא׳דיק באַנק.

סאָניע גערבערט

עקסטאַז

אמאָל, אין א פרימאָרגן,
אין מאַי איז דאָס געווען —
בין איך ארוים שפּאצירן,
אין וואַלד אריין אַליין.

די גראָזן, די בוימער,
אַלעס האָט געגרינט,
די פויגל מיט געזאנגען,
האָבן גאָט געדינט.

באַצויבערט פון דער שיינקייט,
האָט זיך מיר דער קאָפּ פארדרייט,
און צום בלויען הימל,
האָב איך די הענט געשפּרייט.

מיט א תפילה צום באַשעפער,
וואָס קאָן אלעס באנייען —
ער זאָל אויך אונזער פאָלק
פון די שונאים שוין באפרייען.

הונגער

ווען איך האָב א דאָלער איצט,
וואָלט מיך ניט ארן, וואָס עס נעצט,
וואָס עס רעגנט, וואָס עס גיסט,
וואָס מיט דונערן עס שיסט.

איך וואָלט ארוים מיר אויף דער גאַס,
וואָס זי איז פון רעגן נאַס,
און וואָלט געקויפט א גלעזל וויין;
און וואָלט פאַרגעסן אָן מיין פיין.

אַך, ווען איך וואָלט אַ דאָלער האָבן,
וואָלט איך אַ מאָלצייט אויסגעקלובן,
ער וואָלט דעם הונגער מיר געשטילט,
און עס וואָלט דער קאָפּ מיר ניט גערילט.

ווער ווייסט די ווערט פון א דאָלער,
פאַר א מענטש וואָס הונגערט לאַנג,
און ביי אים אונטערן הארצן,
נאָגט אַ לעבעדיקע שלאַנג.

ס אָ נ י ע   ג ע ר ב ע ר ט

קינדער לידעלאַך

ד אָ ס   ה אָ נ י כ ל

קוקוריקו האָנדעלע,
מיטן רויטן פאַנדעלע!
וואָס שטייסטו אויף אזוי פרי,
זינגסט דיין לידל גאָר אָן מי,
גיסט די קינדער ניט קיין רו.

ק י נ ד ע ר

גרינינקע, ווי פעדערלאַך,
ייִנגעלאַך און מיידעלאַך
לויפן ארום אויף רעדעלאַך,
פאַלן, שטייען ווייטער אויף,
אָן אָן עק און אָן אַ סוף.
אָנגעשפּילט און אָנגעלאַכט,
ביז עס פאַלט שוין צו די נאַכט,
לויפן זיי אהיים וואָס' גיכער,
און מען כאַפּט זיך פאַר די ביכער.
לייענען זיי שעה איין שעה אויס,
ביז די קעפּלאַך פאַלן,
אויף דער מאַמעס שויס.

מיין טאַטנס ליבלינג

האָט מיין טאַטע אַ פערדעלע,
פון וואָס ער וויל א לעבן מאַכן,
טראָגט ער אים אין שטאַל אריין,
פון די בעסטע זאַכן.

ער וואַשט און קעמט דאָס פערדעלע,
יעדן טאָג ווי אַ זייגער,
ער האָט מורא אז דאָס פערדעלע,
זאָל ניט טאָן אַ פינגער.

ער גיט אַוועק דעם לעצטן סענט,
אויף האָבער און אויף קלייען,
און אז ער האָט ניט אויף קיין רענט,
גייט ער באָרגן, לייען.

איך, זיין אײנציק מיידעלע,
גיי ארום אָן שיכלאך,
איך גיי אפילו אין שולע ניט,
ווייל דער טאַטע קויפט קיין ביכלאַך.

מיין טאַטן קימערט ניט צי איך עס,
צי איך פאַסט א תענות,
אַבי זיין פערדעלע איז זאַט,
אויף מיר האָט ער קיין רחמנות.

אין שטוב איז קאַלט און אומעטיק,
גיי איך אין שטאַל זיך שפּילן,
קוקט אויף מיר דאָס פערדעלע,
מיט סנאָבישע געפילן.

איך וואָלט שוין בעסער זיין א פערד,
און האָבן וואָס צו עסן,
איידער זיין אַ מיידעלע,
און מען זאָל אָן מיר פאַרגעסן.

דאָס הינדעלע

קוקוריקו, קאָדקאָדאָ,
דאָס שרייט דאָס הינדעלע, הורא!
זי האָט אָן אייעלע געלייגט;
איז זי פריילאך, אויפגעלייגט.

זינגט זי א לידעלע פון פרייד,
וואָס זי איז איבערגעקומען געזונטערהייט —
זי זינגט דאָס לידעלע געשמאַק,
קוקוריקו, קאָדקאָדאָ.

נאָך אַ הינדעלע

האָט דאָס ראַבע הידעלע, דער באָבעס,
היינט געלייגט אַן אייעלע אויף שבת;
ווייסט די באָבע ניט ווי אַזוי זיך צו באַגיין,
צי מאכן לאָקשעלאַך, צי בייגעלאַך פאַרדרייען.

הייסט דאָס הינדעלע, דער באָבעטשקע ניט זאָרגן,
זי זאָגט זי וועט לייגן אַן אייעלע אויך מאָרגן,
טוט די באָבע פרייען זיך און לאַכן,
זי וועט פאַר די קינדערלאַך קיכעלאַך אויך מאַכן.

ערב פסח

העַנטעלאַך קלײנינקע,
קורצינקע פיסעלאַך,
שטײט דאָרט אַ אינגעלע,
שפּילט זיך מיט ניסעלאַך.

ס'איז הײנט ערב פּסח,
דאָס אינגעלע איז פרײלאַך,
בײם סדר דער טאַטע,
װעט זײן באַלד אַ מלך.

װעט דערצײלן די נסים,
פון יציאת מצרים,
און װעט אױסרופן לוסטיק —
לשנה הבאה בירושלים!

דאָס אינגל דעם טאַטן,
פיר קשיות װעט פרעגן,
דער טאַטע דעם תירוץ,
װעט זינגען אַנטקעגן.

דאָס פייער-פליגעלע

כ׳האָב געזען דאָרט אין וואַלד,
שפרינגען פייערלאך ווי גאָלד,
שפרינגען דאָ, שפרינגען דאָרט,
שטייען קיינמאָל אויף קיין אָרט.

כ׳האָב ליב צו קוקן אויף זייער טאַנץ,
עס טוט א שפרונג, עס טוט אַ גלאַנץ,
עס לעשט זיך אוים אויף א מאָמענט;
עס צינדט זיך אָן און ווייטער ס׳ברענט.

קוקן קינדערלאך פארוואונדערט,
ציילן פליגעלאך באזונדער ביז הונדערט,
און ווען די צאָל ווערט שוין צו גרוים,
לויפן זיי פון וואַלד ארוים.

ס אָ נ י ע ג ע ר ב ע ר ט

וואַקאַציע

עס לויפֿן קינדער, מיט געפּילדער,
ווערן וואָס אַמאָל אַלץ ווילדער,
שוין וואַקאַציע אַצינד;
פֿריי זײַן, פֿריי זײַן ווי אַ ווינט.

לויפֿן קינדער מיט געשרייען,
און זיי ווילן וואָס זיי זעען,
און די מאַמעס מיט רחמנות;
קויפֿן אַלערליי מתנות.

מאַכן קינדער טאַראַראַם,
זינגען לידעלאַך צום גראַם,
אַי, אַי, יאַי, יאַי,
אוי, ס'איז גוט צו זײַן שוין פֿריי.

מירן אין די וועלדער גיין,
מיט די פֿייגעלאַך זיך פֿרייען,
מירן פֿריי זײַן גלײַך מיט זיי,
רײַסן בלומען, ווײַס ווי שניי.

מירן פֿלעכטן פֿון זיי קראַנצן,
מירן שטיפֿן, מירן טאַנצן,
מירן זינגען אַי, אַי, יאַי.
מירן זײַן ווי ווינטן פֿריי.

פון שול אַרויס

נעמט אַוועק פון מיר די ביכער,
רוען וויל איך שוין וואָס גיכער!
לערנען וויל איך שוין ניט מער —
גיט די פרייהייט מיר אהער!

בלומען בליען אין די פעלדער,
פויגל זינגען אין די וועלדער —
וויל איך רויטע בלומען שמעקן —
זיך מיט מאָרגן טוי באַדעקן!

וויל איך פריילאַך, מיט געזאַנגען,
הערן זיסע פויגל קלאַנגען —
וויל איך ווידער אויף דאָס ניי —
ווערן ווי א פויגל פריי.

ס אָ נ י ע   ג ע ר ב ע ר ט

דאָס פּיצינקע פֿייגעלע

זאָג מיר, דו שיין פֿייגעלע,
דו ביזט דאָך אַזוי קליין,
האָסטו גאָר קיין מורא ניט,
צו זיין אין וואלד אליין?

האָסטו גאָר קיין מורא ניט
צו פֿליען אַזוי הויך?
דו ביזט דאָך אַזאַ פּיצינקע,
וואו נעמסטו גאָר דעם כּח?

מענטשן בויען לופֿט-שיפֿן,
עס קאָסט זיי געלט, און מי;
זיי זאָלן קאָנען אין דער הויך,
פֿליען אַזוי ווי דו.

פֿליט נאָר איינער אביסל ווייטער,
איז ער שוין אַ העלד,
פֿאַרזאָרגט מען אים שוין אויפֿן לעבן,
מיט כּבוד און מיט געלט.

און דו אַזאַ פּיצינקע,
פֿליסט און פֿליסט ארום,
און זינגסט נאָך צו אַ לידעלע,
מיט א זיסע שטים.

דאָס פויגעלע

בין איך מיר א פויגעלע,
וואָס פליט ארום אין וואַלד,
האָב איך מיר א קעפּעלע —
וואָס איז באַצירט מיט גאָלד.

זיץ איך אויף די אייעלאַך,
אין נעסטל אויף אַ בוים,
זינג איך מיר אַ לידעלע;
און פלי אין ווייטן רוים.

קומען מיינע קינדערלאַך,
פון די אייעלאך ארויס,
עסן זיי די ברעקעלאך,
פון שנאָבעלע בלויז.

וואַקסן זיי ווי שוועמעלאך,
און ווען זיי ווערן גרויס;
זוכן זיי די ברעקעלאך,
אַליין פאַר זיך שפּין אוים.

סאָניע גערבערט

די גרויסע קשיה

עס פרעגט היינט דעם טאטן,
א קשיה זיין קינד;
ענטפער מיר טאטע,
וואָס איך פרעג דיך אצינד.

עס האָט מיך דער רבי,
געלערנט אין חדר,
אז גאָט איז א גוטער;
ער העלפט אונז כסדר.

ער גיט אונז דאָס לעבן,
ער גיט אונז דאָס געזונט,
ער העלפט דעם אַלטן,
און העלפט אויך דעם קינד.

פארוואָס-זשע האָט ער אונז,
אָט איצטער געגעבן,
א שונא א בייזן,
וואָס רויבט אונזער לעבן?

דערקלער זשע מיר טאטע,
דעם שכל דערפון,
אויב גאָט איז אַ גוטער,
ווי קאָן ער דאָס טאָן?

וואָס איך האָב פיינט

איך האָב פיינט א גראָבן יונג,
וואָס האַלט זיך פאַר אַ קענער,
איך האָב פיינט געוויסע פרויען,
וואָס לויפן נאָך נאָך מענער.

איך האָב פיינט א פוילן קבצן,
וואָס פארגינט ניט דעם רייכן.
איך האָב פיינט די מיידלאַך,
וואָס האַלטן אין איין לאכן.

איך האָב פיינט אַן אלטן בחור,
וואָס איז אין זיך פארמויערט;
איך האָב פיינט אַן אַלטע בתולה,
וואָס גייט ארום פאַרזויערט.

איך האָב פיינט א מיאוסע מיידל,
וואָס שטייט אימער ביים שפּיגל,
און האָב פיינט א שיינע,
מיטן שכל פון א ציגל.

איך האָב פיינט א בעל־חוב,
מיט א שלעכטן זכרון,
און האָב פיינט די מענטשן,
וואָס לייקענען די יאָרן.

איך האָב פיינט מיין מאַן,
ווען ער קומט אהיים אַ מידער,
איך האָב פיינט דעם רעדאקטאָר,
וואָס דער׳הרג׳עט מיינע לידער.

נאַציאָנאַליזם

נייע ביכער, נייע לידער,
זיי מאַכן אָן נאָר א געדרודער,
טוען, טוט דאָך גאָרניט קיינער,
יעדער היט זיך זיינע ביינער.

נאָר מען רעדט, און נאָר מען היצט זיך,
מיט שיינע ווערטער מען באַנוצט זיך,
דער איז לינק און דער איז רעכט;
יעדער דיינקט ער איז גערעכט.

עס לוינט זיך ניט קיין צייט פאַרלירן,
דאָס וועט צו קיין תכלית פירן;
פאר שיינע ווערטער און שיינע רייד,
איז איצט אביסל שוין צו שפּעט.

אַלע אידן פון דער וועלט,
פאראייניקט זיך אין איין געצעלט;
גייט אַלע האַנט אין האַנט,
בילדעט זיך אַ שטארקע וואַנט.

אַ סצענע פון אַ פּאָגראָם

איך האָב געהערט געשרייען, ביקסן שיסן,
איך האָב געזען טייכן בלוט זיך גיסן,
איך האָב געזען מענטשן זיך באַהאַלטן,
אין די טיפע קעלער־שפּאַלטן,
אויף די בוימער אין די וועלדער,
צווישן זאַנגען אין די פעלדער,
אויף די בוידימס פון די שולן
אין די אַלטע פּוסטע מילן —
האָב געזען זקנים קראַנקע אין פיבער,
פון הונגער אויסגיין אין נאַסע גריבער,
כ׳האָב געזען קינדער אין די גאַסן,
די קערפּערלאַך מיט בלוט באַגאָסן,
און מיט שרעק האָבן זיי געשריען —
גאָט, דו זאָלסט זיך פאַר אונז מיען.

ס אָ נ י ע   ג ע ר ב ע ר ט

ד י   מ ו ז ע   ו ו י י נ ט

פרעג ניט מאַמע, פרעג ניט ליבע,
וואָס איך גיי ארום פארטראכט,
און איך רו ניט און איך שלאָף ניט,
ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט?

פרעג ניט, ליבע מאמע מיינע!
שטעל מיר מער קיין פראגעס ניט;
קיין ליגנס וויל איך דיר ניט זאָגן,
און דעם אמת וואַג איך ניט.

מוזטו אָבער טאַקע וויסן,
און דו לאָזט מיך ניט צורו,
וועל איך דיר שוין דערציילן;
אַז דאָס מוטשעט מיך א „זי".

זי, די מוזע, לאָזט ניט שלאָפן,
זי, די מוזע, קלאַפּט אין טיר,
און זי וויינט און בעט זיך האַרציק,
דערמאָן זיך שוין אמאָל אָן מיר . . .

צו מיין ליבסטער מיידל

פאַראַן א מיידל, וואָס איך האָב ליב,
וואוינט זי אין א פרעמדער שטוב,
אין גרויסער פרעמדער שטאָט;
דאָך איז זי דאָרט פול מיט מוט.

דעם מוט קריגט זי דאָרט אריין,
פון א פרעמדן יונגן מאן,
געפילן פרעמדע האָט זי דערשפּירט,
וואָס האָבן פריער זי ניט באַרירט.

טראָגן זיי זי ווייט אוועק,
אין א וועלט אָן מורא און אָן שרעק,
די פרעמדע שטאָט, די פרעמדע שטוב,
איז איר טייער, איז איר ליב.

און דער פרעמדער יונגערמאן,
וועט אן אייגענער באַלד זיין,
ווינטש איך איר אז זאַלבענאַנד,
זאָלן זיי גיין האַנט אין האַנט,
און די איצטיקע געפילן,
זאָלן זיי אימער אין די הערצער פילן.

ס אָ נ י ע   ג ע ר ב ע ר ט

אַ איבעריקער

אין א גאָרטן אויף א באַנק,
זיצט אַן אַלטער שוואַך און קראַנק,
דער קאָפּ איז אויף דער ברוסט געבויגן,
עס גיסן טרערן פון די אויגן.

אַ לאַנגע צייט שוין ניט געגעסן,
קיין געלעגער ניט געהאַט,
און ער האָט שוין באַלד פאַרגעסן,
ווי מען פילט ווען מען איז זאַט.

אַ פאַר'שיכור'טער פּאָליסמאַן,
מיט א רויטן גראָבן קאַרק,
כאַפּט אים ברוטאַל ביים קאָלנער,
און הייסט אים גיין פון דעם פּאַרק.

גייט דער אַלטער מיט טריט וואָס וואַקלען,
דאָס הארץ איז אָנגעפילט מיט שרעק,
און ער טוט צו גאָט א תפילה,
עס זאָל נעמען שוין אַן עק . . .

א נאַכט פייגעלע

אין דער פינסטער פון דער נאַכט,
גייט א מיידל שטארק פארטראכט,
און קוקט זיך אום אויף אלע זייטן,
ווייל זי שעמט זיך נאָך פאר לייטן.

טאַטע מאמע האָט זי פארלוירן,
זי איז עלנט און אליין,
אלעס וואָס איר איז געבליבן,
איז א פנים פול מיט חן.

גייט ארום אזוי די קליינע,
איר קאָפּ איז מיט געדאנקען פול,
זי ווייסט ניט צו וואָס זי זאָל זיך נעמען
און זי ווייסט ניט וואָס זי וויל.

אָרים, עלנט און פאַרהונגערט,
נישטאָ דער טאַטע, וואָס האָט געגעבן אלעס,
ניטאָ די מאַמע מיט איר גוטסקייט,
וואָס האָט געגאָסן שמאַלץ אין האלז.

אַליין דאַרף זי זיך איצט פארזאָרגן,
אליין זיך זוכן א שטיקל ברויט,
גייט זי לייען, גייט זי באָרגן,
און ווינטשט זיך אָפט דעם טויט.

ס אָ נ י ע   ג ע ר ב ע ר ט

און די מענער, אַלטע, יונגע,
ווינקען, רופן זי צו זיך,
קום, דו מיידעלע דו שיינע!
מירן שוין פאַרזאָרגן דיך.

גייט די עלנטע פאַרלוירן,
דעם קאָפּ געבויגן צו דער ערד,
זי שילט דעם טאָג וואָס זי איז געבוירן,
און דיינקט אזוי איז איר באשערט.

אָפּטימיסט

איך וויל ניט טראַכטן,
איך וויל ניט זאָרגן,
איך וויל ניט וויסן,
פון קיין מאָרגן.

איך בין צופרידן פון דעם היינט,
פון דער שיינער זון וואָס שיינט;
פון די גראָזן מיט די בלומען:
וואָס זיינען אָנגעפילט מיט בשמים.

פון די פויגעלאך אין וואלד,
פון זונען־שטראלן וואָס גיסן גאָלד,
פון די שטערן און לבנה —
גאָטס ביינאַכטיקע מתנה.

פון די טייכן און די ימים,
וואָס גיסן אוים׳ מיליאָנען שטראָמען,
פון די בערג, פון די טאָלן —
פון בילדער וועלכע קינסטלער מאָלן,
פון די טויזנט און איין זאכן,
וועלכע זים דאָס לעבן מאַכן.

ס אָ נ י ע   ג ע ר ב ע ר ט

א אידל פון דער סאַוט

בין איך מיר א אידל,
א אידל פון דער סאַוט,
זינג איך מיר אַ לידל,
פון דעם ניגערס נויט.

האָט איינער א דזשאַבל,
פון זעקס דאָלער אַ וואָך,
לעבט ער מיט זיין ווייבל,
מיט אַכט קינדערלאך נאָך.

וואוינט ער אין א שטיבל,
וואָס איז ניט גענוג פאר דריי,
ער איז לעבעדיק און פריילאך,
ס'איז זיין נשמה פריי.

שפילט אויף זיין גיטאַרע,
טאַנצט און זינגט און לאכט,
ווייב און קינדער פליעסקען צו,
מען איז אויף די גאַנצע נאכט.

הוליע קבצן

לאָמיר זיך פרייליך מאַכן, פרייליך מאַכן,
לאָמיר טאַנצן, זינגען,
לאָמיר זיך פרייליך מאַכן,
ווייל מיר זיינען יונגע.

לאָמיר זיך פרייליך מאַכן, פרייליך מאַכן,
לאָמיר ערגעץ גיין,
לאָמיר זיך פרייליך מאַכן,
אין די קאַבאַרייען.

לאָמיר זיך פרייליך מאַכן, פרייליך מאַכן,
לאָמיר גיין אין גאָרטן,
לאָמיר זיך פרייליך מאַכן,
ביי אַ טיש מיט קאָרטן.

לאָמיר זיך פרייליך מאַכן, פרייליך מאַכן,
לאָמיר שפּילן, לאַכן,
לאָמיר זיך פרייליך מאַכן,
שווימען אין די טייכן.

לאָמיר זיך פרייליך מאַכן, פרייליך מאַכן,
לאָמיר זינגען, טאַנצן,
לאָמיר זיך פרייליך מאַכן,
זיך פאַרגעסן אינגאַנצן.

לאָמיר זיך פרייליך מאַכן, פרייליך מאַכן,
לאָמיר גיין שפּאַצירן,
דו דאַרפסט פאַר מיר ניט מורא האָבן,
איך וועל דיך ניט פאַרפירן.

ס אָ נ י ע   ג ע ר ב ע ר ט

ד ע ר   א י י פ ע ר ז י כ ט י ק ע ר

מיין ווייב איז אין דער קאָונטרי,
ס'איז איר גוט און וואויל;
זי שפּילט דאָרטן אין קאָרטן,
מיט א סיגאַרעט אין מויל.

זי גייט ארום שפּאצירן,
אין וועלדל יעדן טאָג,
זאָגן, זאָגט זי יעדן
זי וויל פאַרלירן וואָג.

דאָס שאַדט איר ניט צום שלינגען,
קאַטשקעס, הינער, ווייַן,
און מסתמא דאָרט אין וועלדל,
כאַפּט זי א דייט אריין.

איך זיץ דאָ אין די היצן,
אליין מיט די פיר ווענט,
טראַכט איך פון מיין ווייבל,
כ'וועל פון אייפערזוכט פאַרברענט.

מיין משפחה

מיין שוועסטער יאַכנע דבורה,
האַדלט טריפה סחורה,
זי מאַכט א לעבן אַ שיינעם,
אָבער קיין פעני גיט זי קיינעם.

מיין מומע חנה פריידל,
איז אויסגעדארט און איידל,
זי איז נאַקעט אָפגעריסן,
און פארגינט זיך ניט דעם ביסן.

מיין קאָזין בערל מאָטיעס,
גייט ארום אין שמאַטעס,
ער גיט ניט אויס קיין דרייער,
ווייל געלט איז ביי אים טייער.

מיין פעטער אריה לייזער,
ווערט אויפגעקאָכט, א בייזער,
ווען די מומע פריידע לאה,
בעט אים א מטבעה.

איך בין אן אלטע מויד פארבליבן,
איבער מיין טאַטנס חסרון,
ווייל א חתן מוז מען שמירן,
אַז ניט וויל ער ניט פאָרן.

סאָניע גערבערט

א פּעסעמיסט

איך האָב א מאן אַ פּעסעמיסט,
פארשטערט ער מיר דאָס לעבן,
זאָג איך אים: איך האָב אים ליב,
וויל ער מיר ניט גלויבן.

אַז איך זאָג אים: ער איז שיין,
מאַכט ער א בייזע מינע,
ער מיינט איך האָב דערביי א מיין,
און קוקט אויף מיר מיט שנאה.

מאַך איך אים א קאָמפּלימענט,
און זאָג אים ער איז קלוג,
זאָגט עס איז א סענטימענט,
און פאַרפירט מיט מיר א קריג.

איך האָב א מאן אַ פּעסימיסט,
ער מאכט מיין לעבן שוואַרץ און וויסט,
ער מאַכט מיר גלויבן, עס איז אוים וועלט,
ער טרייבט אַזש אַן אויף מיר אַ קעלט.

נישטאָ קיין מזל

איך בין אַ קלוגע,
קיינער ווייסט ניט,
וויל איך שטיפן,
די מאַמע הייסט ניט.

איך בין א שיינע,
קיינער זעט ניט,
איך ווער פאַרזעסן,
מיין האַנט מען בעט ניט.

איך קען זינגען,
קיינער הערט ניט,
איך קען שרייבן
דער רעדאקטאָר
קערט ניט.

ס אָ נ י ע   ג ע ר ב ע ר ט

ה אַ ר ב ס ט

געלע בלעטער,
דאַרע גראָזן,
ניסלאַך טראָגן שוין,
די האָזן.
אין די נארעס,
פארן ווינטער
זיך צו פארזאָרגן,
מיט שפייז,
מיט געזונטער.

פויגל פליען,
אין א רייע
זיך צו בויען,
נעסטן נייע.
פריילעך, לעבעדיג,
און מונטער
צו פאַרמיידן —
דעם קאַלטן ווינטער.

ווייבער קומען
פון וואַקיישאָנס,
מענער לויפן —
צו די סטיישאָנס,
מען איז צופרידן
צו באַנייען
אַלטע ליבע,
און קריגערייען.

צום רעדאַקטאָר

נאַק, נאַק,
ווער איז דאָרט?
דאָס קלאַפּ איך,
אפשר פּאָרט,
וועט איר
זיך דערבאַרימען,
אויף מיר,
און וועט דרוקן,
מיינס אַ שיר,
ווייל אין לעבן —
גייט דאָס מיר..

אַ בריוועלע צו מר. רייצעס

איך וויל אייך ראַטן,
קאָלעגע רייצעס,
כאָטש איר פרעגט מיך ניט קיין עצות,
איר זאָלט אביסל איינהאַלטן די לייצעס,
און זאָלט זיך אויסגלייכן די פּלייצעס,
לאָזט אַ צווייטן אויך באַווייזן —
זיינע קענטניש מיט גרייזן.

ס אָ נ י ע ג ע ר ב ע ר ט

אין דעם קליינעם שטעטעלע

ביי מיר אין דעם שטעטל,
הערשט א גרויסער אומעט,
מען קען אפילו הערן,
ווי א פליג דאָרטן זשומעט.

ווי עס ברומט די קי,
עס מעקעט דאָס קעלבל,
עס' זיצט דאָרט א אידענע,
אין א געוועלבל.

די אויגן פאַרטרערט,
די נאָז אויך ניט טרוקן;
זי זיצט דאָרט פאַראומערט,
געבויגן דעם רוקן.

דער פייערטאָפּ,
איז איר איינציקע נחמה,
זי וואַרימט זיך אָן
די פאַרקילטע נשמה.

מיינע אמאָליקע קאַוואַלירן

דערמאָן איך זיך אַן עליע בער דעם שוואַרצן,
טוט מיר נאָך איצט אַ זעץ אין האַרצן,
אַזאַ ליבער, אַזאַ שיינער,
ווי מען זאָגט: אַ יונג מיט ביינער.

און דער בלאָנדער יאָסל זלאַטעס,
פלעגט זיך גנב'ענען איבער גראַטעס,
מיר צו זאָגן — ער האָט מיך ליב,
און וועט מיך ליבן ביז אין גרוב.

היינט דער רויטער נחמן מייער,
פלעגט זיין אימער איין שטיק פייער,
ער פלעגט מיר פון זיין ליבע זינגען,
און פלעגט מיך מיט די אויגן שלינגען.

און דער שאַטענער אריה לייעזר,
פלעגט ארומגיין א בייזער,
ער פלעגט נאָר קנייטשן מיטן שטערן,
און פלעגט די אַנדערע פאַרוועחן,
זיך מיר אין ליבע צו דערקלערן.

ס אָ נ י ע   ג ע ר ב ע ר ט

אוי, די ווייבערשע מיילער

איך האָב א שטיבעלע א קליינס,
איך האָב א ווייבעלע א שיינס,
זי זאָל נאָר קיין מויל ניט האָבן,
וואָלטן מיר געלעבן ווי טויבן.

מיר וואָלטן יעדן אויפדערנאַכט,
פריילאַך אַנגענעם פאַרבראַכט,
איך וואָלט איר מעשה׳לאַך דערציילט,
וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

איך וואָלט דערביי איר אויך געזאָגט,
וואָס פאַר אַ אויגן זי פאַרמאָגט,
און וואָלט איר אויך געשענקט א קוש,
אזוי זיך זיצענדיק ביים טיש.

אין דעם שטיבעלע דעם קליינעם,
מיט מיין ווייבעלע דעם שיינעם,
וואָלטן מיר זיך גוט פארבראכט,
ווען זי האָלט דאָס מויל פאַרמאַכט..

מיין ווייב איז אין דער קאָונטרי

מיין ווייב איז אין דער קאָונטרי,
הוריי, הוריי!
זי כאַפּט דאָרטן א רייט,
אויף אַ וואָגן היי.

זי שפּילט דאָרטן אין קאָרטן,
מיט א גרויסן ברען,
און הייסט זיך שיקן טשעקלאַך,
זי פרעגט ניט צי איך קען.

זי שלינגט דאָרט גאַנצע הינער,
פאַרטרינקט אַ גלעזל וויין,
און א דייט מיט א בחור,
כאפּט זי אויך אריין.

מיין ווייב איז אין דער קאָונטרי,
הוריי, הוריי!
איך שוויץ דאָ און שיק טשעקלאך,
און ס'איז מיר אָך און ווײ..

ס אָ נ י ע   ג ע ר ב ע ר ט

די ליבע ברענט

וואַליע, מיין פארשיינדעלע,
דו וועסט זיין מיין קריינדעלע,
מירן וואוינען אין א קליין שטיבעלע,
מירן אָנגיין מיט אונזער ליבעלע.

מירן לעבן ווי פּראָסטע מענטשעלאך,
מירן ביידע גיין צו דענסעלאך,
איך וועל מיר קריגן א דזשאבעלע,
און סופּאָרטן מיין ליב ווייבעלע.

דו וועסט מיר האָבן קינדערלאך,
זיי וועלן הייסן ווינדזאָרלאך,
דו וועסט זיין מיין קריינדעלע,
וואליע, מיין פארשיינדעלע.

אין צען יאָר ארום אין א פרימאָרגן

ער:
זע נאָר וואליע, ווי דו קוקסט אוים,
דיינע האָר זיינען גרוי,
די ביינער שטעקן ארוים,
און פאר דעם אַ האָב איך דאָס אָפגעגעבן מיין טראָן,
זיך צעקריגט מיט מיין לאַנד,
אום צו ווערן דיין מאן?

זי:
אָ, דייוויד, וואָלסט געמעגט בעסער שווייגן,
ווייל דו אליין ביזט אויך א קליינער בארגיין,
איך האָב אָפגע׳גט מיין מאן,
אום צו טראָגן א קרוין,
צום סוף בין איך געבליבן,
אַ פראָסטער פאַרשוין.

ס אָ נ י ע   ג ע ר ב ע ר ט

דאָס אָרימע שוחט׳ל נעבאך

אין מיין שטעטל פליסט א טייך,
רופט מען אים דער דניעסטער,
איך האָב געקענט א מיידל דאָרט,
זי האָט געהייסן: אסתר.

זי איז געווען א וואוילע מיידל,
און אַ שיינע אויכעט,
האָט זיך פאַרליבט אין איר משוגע
הערשעלע דער שוחט.

פלעגט דער שוחט קוקן אויף אסתר,
נאָר אמאָל בגנבה,
ווייל ווי מעג א מאנסביל קוקן,
פריי אויף א נקבה?

אסתר ווייסט ניט פון זיין ליבע,
און קימערט זיך ניט אויכעט,
וואָס ווייסט א מיידל נאָך א שיינע,
וואָס עס פילט א שוחט?

און דער יונגער שוחט נעבאַך,
גייט אום א באטריבטער,
ער וואָלט איר וועלן לאָזן וויסן,
אז ער וויל זיין איר געליבטער.

אז ער וויל מיט איר א חופה שטעלן
אָן קעסט און אָן נדן,
אַז ער איז גרייט פאר איר, רחמנא לצלן,
אפילו זיך צו שמד׳ן.

קאָונטרי גליקן

אין קאונטרי אין דעם טאַנץ-זאַל,
האָב איך אים באַגעגנט;
ס׳איז געווען דאָרט פריילאַך,
אין דרויסן האָט גערעגנט.

ער האָט וואַרים זיך געטוליעט,
געקוקט מיר אין די אויגן:
און אָפּט אין מיינע ליפּן,
האָט ער זיך איינגעזויגן.

איך האָב אָנגעפאַנגען האָפן,
אַז ער איז מיין באַשערטער —
מיר האָבן גענומען זוכן,
פאַר זיך שטילע ערטער..

אויף מאָרגן איז פון מיין ליבן,
קיין זכר ניט געבליבן.
ער איז צו זיין ווייב געפלויגן,
ווי פון שדים געטריבן.

ס אָ נ י ע   ג ע ר ב ע ר ט

א מיידל פון דעם אלטן שניט

איך וויל אייך דערציילן,
וואָס מיט מיר האָט געטראָפן,
איך וועל אייך א בילדל:
פון זיך אָט דאָ שאפן.

אין א לבנה נאַכט א שיינער,
שפּאצירנדיג אליין;
באגעגנט מיך א בחור,
הויך, שטאָלץ און שיין.

ער האָט די טריט פארגרעסערט,
און האָט מיך דעריאָגט,
זיי באַגריסט, שיינע מיידל,
האָט ער שטיל געזאָגט.

איך האָב ניט געענטפערט,
און האָב זיך פארשעמט,
ער האָט מיין האַנט גענומען,
און אין זיינע פאַרקלעמט.

ער וויל מיך אַ קוש טאָן,
שריי איך אוים: ניט!
ווייל איך בין אַ מיידל,
פון דעם אַלטן שניט.

מיין האַרבסט געזאַנג

אין האַרצן אָבער פיל איך,
אַ טאַנץ און אַ געזאַנג,
לאָזט ער זיך אוועקגיין,
טוט מיר שוין באַנג.

וויל איך אים זאָגן:
קום צו מיר צוריק,
ווייל אין דיינע קושן,
ליגט מיין גאנצעם גליק.

שעם איך זיך און זאָג ניט,
און ער גייט אַוועק,
נאָגט מיר אין מיין הארצן,
און עס פאַלט מיך אָן א שרעק.

ווייל זאָגנדיק דעם אמת,
בין איך אין די יאָרן שוין,
און מיין צוקונפט מיט א מאן,
וויל איך לאַנג שוין בויען.

בין איך אָבער א מיידל,
פון דעם אַלטן שניט,
און אז איינער קומט שוין נאָענט,
וויל איך כלומרשט, ניט.

זיי ווייסן ניט קיין חכמות
און גייען זיך אוועק,
און איך בלייב ווייטער זיצן,
און ס'איז א מעשה אָן אן עק.

ס אָ נ י ע ג ע ר ב ע ר ט

אַ פ אָ ר י ז מ ע ן

אונזער קלוב און די חברות

איין חברה ארבעט שווער,
זי דרייט דאָס רעדל אהין, אהער,
וועט דאָס רעדל בלייבן שטיין,
וועט זי רואיק איר וועג גיין.

א חברה, פארגעסן איר נאָמען,
גיט אירע טישן באַפּוצט נאָך מיט בלומען —
זי גיט אויך איר ארבעט —
און גיט אויך איר מי.
אַ וואוילע חברה,
א וואוילע איז זי.

חברה וואָלק איז אונזער וועג-ווייזער,
זי טרייבט ארום אונז אין די הייזער,
מיר אַלע ארבעטן ווי פּי,
דעם קרעדיט אָבער קריגט גאָר זי.

חברה בעק, פיל טאַקט פארמאָגט,
זי ווייסט אימער וואָס זי זאָגט,
און וואָס זי זאָגט, איז דאָס געזאָגט;
יעדער וואָרט ווי אַ האַמער שלאָגט.

חברה שובאָף, יאָגט און לויפט,
שכלים, טיקעטס זי פארקויפט,
זי וויל מאכן וואָס מער געלט —
צו פארשענערן די וועלט.

מיס קרעדענצער, זיצט זיך שטיל,
זי קען ניט זאָגן וואָס זי וויל,
ווייל איר פאַנטאַזיע איז צו רייך,
און ווען וויל זי גאָר אַ סך..

א חברה, איר ווייסט שוין ווער,
דרייט אהין און דרייט אַהער,
זי האַקט א טשאַיניק גאָר אומזיסט,
רק איר ווילט זיך זיין באוואוסט.

חברה פרידמאַן, שטיל, באַשיידן,
הערט זיך רואיק צו צו יעדן,
זי פרעגט ניט קיין צופיל שאלות,
און דאָס איז פון די גרעסטע מעלות.

חברה ראַטנער, וויל אַ וואָרט,
קריגט זי דאָס ניט אויפן אָרט,
רעזיגנירט זי און אַן עק,
און זי גייט זיך קאַלט אוועק.

חברה קאָסאָף, מיט גרויס התפעלות,
פרעגט זי קשיות, ענטפערט שאלות,
עס קאָכט און זידט אין איר דאָס לעבן,
זי איז גרייט צו נעמען, גרייט צו געבן.
גיט זי, נעמט זי, לויפט און יאָגט;
און דאָס לעבן פון איר שלאָגט.

חברה שאפּאָו, איז אינטעליגענט,
זי איז גרייט צו דריקן אייך די הענט;
זי האָט פאר יעדן א וואָרט, אַ לאַך,
אַלע זיינען ביי איר גלייך,
אָבער אז זי פארבעט צו זיך אַן עולם,
קלויבט זי אויס נאָר די גדולים.

חברה דעקאָוויטץ, איז טריי איבערגעבן,
זי איז גרייט פארן קלוב איר נשמה צו געבן,
ארבעט זי נעבאך, ביי טאָג און ביי נאכט,
אָבער א צווייטער האָט גאָר די מאכט — — —

חברה ציטלין, טוט צופיל,
האַסלט, באַסלט ווי א מיל,
זי איז באשעפטיקט מיט צופיל זאַכן,
העלפט דעם מאן א לעבן מאכן,
קומט זי שפּעט און רעדט און רעדט,
ביז זי פאלט א קראנקע אין בעט.

חבר'טעס' אלע מיט אמאָל,
בעטן ווערטער אָן א צאָל,
באַמערקונגען, פאָרשלאַגן און קאָרעקשאָנס,
ווענן אלערליי טראנסעקשאָנס,
מיט דעם גייט די צייט אוועק,
און עס נעמט גאָר ניט קיין עק.

חבר ציטלין, מיט א ציטונג אויפן שויס,
ער כאפט דעם זייגער אָפּט ארויס,
און דרייט זיך נערוועז אויף זיין אָרט,
אָבער זאָגן זאָגט ער ניט קיין וואָרט.

מ י י ן   ה אַ ר ב ס ט   ג ע ז אַ נ ג

חברה גערבערט פארפאסט א ליד,
זי שרייבט און מעקט און ווערט ניט מיד,
זי וויל דאָס אויף א מיטינג לייענען,
אום דעם אָוונט צו באשיינען,
איז פאר דעם נישטאָ קיין צייט,
ווייל צו טאָג איז שוין ניט ווייט.

ס אָ נ י ע   ג ע ר ב ע ר ט

צ י ב ע ל ע ס

ווען לייזער איז פון דער ארבעט געקומען, איז ער געווען בגילופנדיק. ער האָט א קלאפּ געטאָן עטלען אין דער פּלייצע און האָט א זאָג געטאָן מיט הרחבה: היינט, עטל, לאָז איך מיר וואוילגיין. אזוי ווי מיר גייען ניט אין ערגעץ, וועל איך היינט עסן ציבעלעס וויפיל עס וועט אריין.

אָ, ניין, לייזער, דו וועסט קיין ציבעלעס ניט עסן. דו ווייסט זייער גוט, אז איך קען קיין ציבעלעס ניט פארטראָגן. לייזערס פּנים איז פארוואלקנט געוואָרן און ער האָט זיך אָנגערופן מיט פארדראָס: וואָס דענקסטו, עטל, איך קען שוין גאָר אפילו איינמאָל אין מיין לעבן ניט זיין מיין אייגענער בעל-הבית? איך האָב באשלאָסן היינט צו עסן ציבעלעס און איך וועל עסן ציבעלעס!

און איך זאָג, אז דו וועסט ניט עסן קיין ציבעלעס! שרייט שוין עטל אויפן קול.

און איך זאָג, אז יאָ, ענטפערט לייזער אן אויפגע-רעגטער.

גוט, עס ציבעלעס. אָבער געדענק, אז היינטיקע נאַכט שלאָפסטו אויפן סאָפע. דו קאָנסט דאָך ניט דערוואַרטן צו זיין נאָענט צו מיר מיט דיינע ציבעלעס?

דו מיינסט דאָך עס ניט, עטל?

איך מיין דאָס זייער ערנסט, לייזער.

אָ! צום טייוול! האָט לייזער אויסגעשריען מיט כעס, איך וועל דיר שוין ווייזן אז איך בין ניט דיין שקלאַף — און ער האָט געשווינד א כאַ געטאָן זיין העט און מאנטל, האָט א פּראַל געטאָן מיט דער טיר און איז פארשוואונדן.

עטל איז געבליבן א פארציטערטע. זי האָט ניט דערוואַרט אַזאַ אויסגאנג. זי איז געבליבן אליין אין דעם האַלב טונקעלן צימער, מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס לייזער האָט זיך אָנטקעגן געשטעלט זינט זיי זיינען פארהייראַט. זי האָט דאָס באליידיקונג ניט געקאָנט פארטראָגן. טרערן האָבן זי געשטיקט. זי האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן און האָט קוים איינגעהאלטן די שלוכ־צען וואָס האָבן זיך געריסן פון איר האלז. זי האָט אזוי אָפּגעוויינט א היפּשע ווייַלע, ביז ענדלאַך זי האָט זיך בארואיקט. עס האָבן איר אָנגעהויבן ארויפ־קומען אלערליי געדאַנקען אין קאָפּ, געדאַנקען און דעראינערונגען און עס האָט איר אָנגעכאַפּט א גרויס רחמנות צו זיך אליין.

יאָ, זי האָט אוועקגעוואָרפן איר לעבן חתונה האָ־בענדיק מיט אַזאַ גראָבן נפש ווי לייזער. זי איז גע־ווען א שיין מיידל, אלע בחורים זיינען איר נאָכגעלאָפן און געוואָלט מיט איר חתונה האָבן, זי איז געווען יונג און אומדערפאַרן — לייזער איז געווען פיל עלטער און האָט געוואוסט ווי אזוי איר קאָפּ צו פארדרייען.

און מיט אַמאָל האָט זי זיך דערמאָנט אָן דודען, וועמען זי האָט באמת ליב געהאַט. ווען לייזער מישט זיך ניט אריין, וואָלט זי מיט אים חתונה געהאַט און געווען גליקקלאַך. אַך, דוד, וואָס פאר א שיינער ער

איז געווען. זיין געשטאַלט א דינער, א הויכער, א בויגזאמער — ווי א יונגער בוים האָט ער אויסגעזען. זיינע אויגן פלעגן מיך פאַרברענען יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט אויף מיר א קוק טאָן. היינט זיינע באַנע־מונגען, ווי פון א פרינץ. ניט קיין ציבעלע־בחור, ווי לייזער איז.

און זי האָט באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין אין לייזערן. זי וועט אים שוין עפּעס אָפּטאָן, אַז די ציבעלעס זאָלן אים ניט באַקומען. זי וועט אָפּרופן דוד׳ן, אויף וועלכן לייזער איז אימער אייפערזיכטיק. זי וועט מאַכן מיט אים א באשטעלונג, אז ער זאָל איר ערגעץ וואו ארויסנעמען. זי וועט דערמיט שיסן צוויי האָזן: ערשטנס, וועט זי נקמה נעמען אָן לייזערן און צווייטנס האָט זי שוין לאַנג געוואָלט זען דוד׳ן, נאָך ווען זי האָט שטילערהייט געבענקט.

ניט טראַכטנדיק לאַנג, איז זי געשטאַנען ביים טעלעפאָן: העלאָו! העלאָו! ס׳איז דו, דוד?

יאָ, ווער רעדט דאָס?

טרעף!

די שטימע קומט מיר פאָר באַקאַנט, אָבער איך קאָן זיך ניט דערמאָנען צו וועמען זי באלאנגט.

איך פיל זיך געטראָפן, דוד, וואָס דו דערקאָנסט ניט מיין שטימע און איך וועל דיר ניט אויסזאָגן, ביז דו אליין וועסט ניט טרעפן.

גוט, איך וועל פּרובירן: גאָלדע?

ניין.

פרענסים?

ניין.

ראָזלין?

ניין, ניין, ניין. קאָנסט זיך גאָר ניט דערמאָנען

אָן א מיידל, וואָס האָט געהייסן עטל? און דו פלעגסט זאָגן, אז דו ביזט משוגע פאר איר?

אָ, עטל! ווען האָט דאָס געקענט איינפאַלן, אז דו זאָלסט זיך גאָר פלוצים דערמאָנען אָן מיר — נאָך אזויפיל יאָרן, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען. זאָג זשע מיר, וואָס מאַכסטו, עטל?

איך וועל דיר גאָרניט זאָגן. נאָר אויב דיר איז אינטערעסאַנט צו וויסן, וואָס איך מאַך — קום און נעם מיך ערגעץ ארויס. דאָס הייסט, אויב דו האָסט ניט קיין אַנדערע באַשטעלונגען.. מיט פרענסים, גאָלדע, ראָזלין.

אין איר שטימע האָט זיך געהערט אייפערזוכט.

דוד האָט, ווי עס זעט אויס, באַמערקט די נאָטקע און ער האָט געענטפערט מיט צופרידנהייט — צוליב דיר וועל איך זיך אָפּזאָגן אפילו פון פרענצעסן. מיר וועלן גיין אין „רידם רעסטאָראַן" — ווארט אויף מיר, איך וועל באַלד קומען און מיר וועלן זיך דערמאָנען אָן די אַלטע גוטע צייטן.

עטלס האַנט האָט געציטערט ווען זי האָט אויפגעהאַנגען דאָס הענטל פון טעלעפאָן (רעסיווער). זי איז אינגאַנצן געווען ווי אין א קאָשמאַר. עס האָט זיך איר געדאַכט, אז דאָס אַלץ איז ניט מער ווי א חלום— אַז אָט וועט זי זיך אויפכאַפּן און אַלץ וועט זיין ווי ביז אַהער. זי האָט זיך אָבער דערמאָנט, אז דוד וועט באַלד קומען און זי האָט פארקעמט אירע האָר ווי דוד'ן פלעגט געפעלן און האָט זיך באַשפּריצט מיט דעם פארפיום, וואָס דוד פלעגט איר קויפן און וועלכן זי נוצט נאָך היינט. און באַטראַכטנדיק זיך אין שפּי־געל — זיינען די זיבן יאָר, וואָס זי איז פארהייראַט צו לייזערן אינגאַנצן פארשוואונדן. עס האָט זיך איר

געדאַכט, אַז זי איז דוד׳ס כלה און ער קומט זי ארויס־נעמען — ווי ער פלעגט דאָס אלעמאָל טאָן. און זי האָט זיך ווייטער דערפילט יונג און גליקלאַך.

ניט ווילנדיק האָט זי אים אָנגעהויבן צו פאַרגלייכען מיט לייזערן: וואָס פאַר א קאָנטראַסט! וואו זיינען אירע אויגן געווען, וואו איז איר שכל געווען. לייזער א פעטער, א פארבלאָזענער, מיט גראָבע זייטן — אַ ציבעלע־יונג, האָט זי אים געזידלט אין געדאנק.

ווערנד דוד — — —

און פלוצים האָט איר האַרץ אָנגעפאַנגען האַסטיק צו קלאַפּן. פון דער צווייטער זייט גאָס האָט זי דערזען דוד׳ן אָנקומען — אירע געדאַנקען האָבן זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט אירע אויגן ניט געגלויבט. דוד האָט דורך דער צייט וואָס זי האָט אים ניט געזען, ארויפגענומען וואָג אויף זיך.

— גאָר ניט דער אמאָליקער שטאלטנער, בויגזאַמער דוד — זי האָט אים אָבער באלד אין געדאנק פארענטפערט — אים פאַסט עס, ער איז א הויכער, העכער מיט אַ קאָפּ פון לייזערן און אויב עס פאסט אים אפילו ניט, האָט ער אַנדערע מעלות — און אזא קלייניקייט קען פארקוקט ווערן און קיין ציבעלעס עסט ער אודאי ניט.

ער איז צוגעקומען נאָענט און האָט זי הארציק באגריסט און אָנעמענדיק זי אונטערן אָרעם, זיינען זיי האַסטיק אוועק צום רעסטאָראַן. דער ווייטער האָט צוגעבראכט די „מעניו" און דוד האָט זיך געווענדט צו עטלען מיט די ווערטער:

— דו, עטל, קלויב זיך אוים וואָס דו ווילסט. איך האָב מיר מיינע באַליבטע מאכלים, וואָס איך באשטעל אַלעמאָל פאר זיך.

און מיט א קול, וואָס האָט געקלונגען עטלעך אינ־גאַנצען פרעמד, האָט ער אויסגעשריען: ווייטער, — דערלאַנג מיר א גרויסע פּאָרציע הערינג מיט אַ סך ציבעלעס.

ס אָ נ י ע   ג ע ר ב ע ר ט

ע ו נ ג   ש ב ת

איך דערמאָן זיך די פרייטיק צונאכטצן ביי אונז אין שטוב. די מאַמע האָט מיט דער הילף פון דער דינסט ערשט פאררוקט דעם טשאָלנט אין אויוון. דער דיל אין קיך איז נאָר־וואָס באשאָטן געוואָרן מיט געלן זאמד. די גאנצע שטוב פינקלט פון זויבערקייט און פרישקייט. די מאַמע באָדט זיך אין דעם גרויסן היל־צערנעם וואַש־טאָפּ און אז זי קומט פון דאָרט ארויס און פוצט זיך אוים אין דעם שבת׳דיקן קלייד און אין דעם נייעם זיידענעם טיכל, וואָס׳ דער טאַטע האָט איר געבראַכט א מתנה פון אָדעס, ווען ער איז געפאָרן אַהין זיך דאָקטאָרן — שיינט איר פּנים און איר גאַנ־צער וועזן קוקט ווי עפּעס פון א הייליקער.

דער טאַטע קומט אויך פון באָד — דער פּנים איז רויט און ער איז באַזונדערס אויפגעלעגט. ער שטיפט מיט די קינדער און טוט אויך א שטיף מיט דער מאַ־מען. די מאַמע שעמט זיך פאַר די קינדער און רופט אים אָן עפּעס מיט א נאָמען, וואָס מיר פארשטייען ניט — אָבער מיר שטויסן זיך אָן, אז זי איז ניט אזוי שטאַרק ברוגז ווי זי מאַכט זיך.

זי דערלאַנגט אים צימעס מיט קיכלאַך און ער הויבט זיך אָן קלייבן אין שול אריין.

איך לייג די גרויסע געפלאָכטענע קוילעטשן אויף

דעם ווייס-געדעקטן טיש און דעק זיי צו מיט א האַנ־טיכעל, וואָס די מאַמע האָט אויסגענייט ווען זי איז נאָך געווען א מיידל און וואָס שטעלט מיט זיך פאָר — אכט טאַנצנדיקע מיידלאַך און א בחור אינמיטן און פון אונטן איז אויסגענייט — „אכט מיידלאַך, איך נאָר איינער אין די מיידלאך בין איך קיינער".

איך געדענק, אַז דאָס האַנטיכל האָט מיר אימפּאַ־נירט זינט איך בין צו מיין שכל געקומען. איך האָב געקאָנט אָפּשטיין לאַנגע מינוטן און קוקן דערויף און האָב אָפּגעמאכט מיט דער מאמען, אז ווען איך וועל חתונה האָבן, זאָל זי מיר עס געבן פאר מיין בעל־הבית׳ישקייט.

דער טאַטע גייט אוועק אין שול. די מאַמע בענטשט ליכט און נעמט זיך צו דער צאינה וראינה, ווי דער טאטע פלעגט מיט שפּאס רופן דער מאמעס סידור.

דער מאַמעס סידור האָט געהאַט א באַזונדער רייץ פאַר מיר, ווייל אלע מיינע מאַלערישע טאַלאַנטן האָב איך ארויסגעוויזן אויף מיין מאַמעס סידור: די טאָוו־לען, די האַלבע און גאַנצע ליידיקע בלעטלאך, זיינען געווען באמאָלן מיט אַלערליי געשטאַלטן, וואָס האָבן געדאַרפט פאָרשטעלן מיינע חברים און חבר׳טעס.

ענדלאַך קומט דער טאַטע פון שול מיט א פּריוו־לאַכען „גוט שבת". ער כאַפּט דאָס מוזיניקל אויף די הענט, גייט מיט אים ארום איבער דער שטוב און זינגט „שלום עליכם" צו די גוטע מלאכים וואָס האָבן אים פון דער שול אהיים באגלייט. די קינדער ווערן אומגעדולדיק. די געפילטע פיש שמעקט צו שטארק און איך, די עלצטע, וואָלט געוואָלט אז אלץ זאָל זיך שוין ענדיקן און איך זאָל קענען פארזעצן מיין העכסט

אינטערעסאַנטן ראָמאַן.
דער טאַטע מאַכט קידוש פון אַ גרויסן זילבערנעם בעכער, וואָס ער האָט אים געקראָגן אַ דרשה-געשאַנק פון דער מומע מירל, צו זיין חתונה.
איך קאָן נאָך איצט ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס עס פלעגט אַלע מאָל פּאַסירן, אַז ווען דער טאַטע האָט געמאַכט קידוש, פלעגן זיך די קינדער שטיקן פון געלעכטער און מען האָט מורא געהאַט אַ קוק טאָן איינער אויפן צווייטן. האָט אָבער פּאַסירט, אַז מען האָט זיך יאָ באַגעגנט מיט די בליקן, האָבן אַלע אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער.
דער טאַטע האָט שוין געוואוסט פון דערפאַרונג אַז אָנשרייען מען זאָל ניט פאַרשווערכן דעם קידוש, וועט ניט העלפן, ווייל עס האָט שוין געטראָפן, אַז ער האָט אויף אונז אָנגעשריען און פאַרטריבן אין קיך אריין און מיר האָבן שוין צוריק צום טיש ניט געוואָלט קומען. די מאַמע האָט געוויינט און די גאַנצע אידיליע פון דעם שיינעם פרייטיק צונאַכט איז צעשטערט געוואָרן.
אָפּגעמאַכט דעם קידוש — גיט דער טאַטע איבער דעם כוס צו דער מאַמען. די מאַמע טרינקט אביסל און דערלאַנגט אים צו יעדער קינד באַזונדער. און נאָכדעם ווי אַלע זיינען פאַרטיק מיטן טרינקען — איז דער כוס נאָך אַלץ פול און דער טאַטע גיסט דעם ווין צוריק אין פלאַש אריין.
ענדלאך גייט מען עסן. דעם טאַטן ווייסט אויס געפּעלן די פיש. ער זאָגט דאָס ניט, אָבער ער וואַרפט אַלעמאָל אויף דער מאַמען פאַרליבטע בליקן. די מאַמע מאַכט זיך ניט זעענדיק — אָבער איך, די פּופּצן יאַריקע מויד, פאַרשטיי, אַז זי זעט זיי יאָ, נאָר זי

מאַכט זיך ניט ווייסנדיק.

נאָכן עסן לאָזן זיך די קלענערע קינדער אוועק אין קיך אריין, וואו די דינסט האָט פאר זיי אָנגעגרייט סעמעטשקעס. איך פריי זיך, וואָס אלע וועלן באַלד גיין שלאָפן און איך וועל בלייבן אליין מיט מיין באַ־ליבטען ראָמאַן. און וועל לייענען אזוי לאַנג ביז דאָס קעראָסין אין לאָמפּ וועט אויסגיין. איך בעט נאָר גאָט, ער זאָל מיר באַווייזן דעם נס פון חנוכה — און זאָל אריינשיקן די ברכה אין דעם קעראָסין. איך טראַכט מיר, אזוי ווי ער איז געווען א בריה מיט בוימל, קען ער דאָך עס באַווייזן מיט קעראָסין אויך.

פרייטיק צונאַכטס גייט מען ביי אונז פרי שלאָפן. איך פארשטיי ניט פארוואָס, אָבער מיך ארט דאָס ניט, איך בין שטארק צופרידן דערפון.

אַלע שלאָפן שוין. די בענטש־ליכט האָבן זיך שוין אויסגעלאָשן. אין שטוב איז טונקל און שטיל. מיר איז גוט. איך לעב איבער אלע פריידן און ליידן פון מיינע העלדן. די ה ע ל ד י ן , דאָס בין איך גאָר און דער העלד מיט די ברענענדיקע שווארצע אויגן און שווארצע קוטשערן, איז גאָר א לעבעדיקער און אין ליבע דערקלערט ער זיך ניט דער העלדין, נאָר מיר, און די אלע שיינע קאָמפּלימענטן מאַכט ער מיר און איך פארגעס זיך אזוי, אז ווען דער לאָמפּ טוט זיך מיט אמאָל אַ לעש אויס און איך בלייב אין דער פינסטער — בין איך אזוי פארצווייפלט און אנ־טוישט, אז איך בין גרייט אָפּצוטאָן דאָס גרעסטע פאַרברעכן — אפילו אָנצינדן אַ ליכט אום שבת.

איך טו עס אָבער ניט, ווייל דער טאַטע, וואָס איך האָב געדענקט, אַז ער שלאָפט שוין פון לאַנג, איז ווייסט אוים צופרידן פון מיין אומגליק. און איך דערהער פּלוצים א קול:

גיי שוין שלאָפן, גיי — — — —

אינהאלט:

פאָרוואָרט פון משה פריליכאָוו — — — — 3
איינלייטונג פון דר. אייבראהאם וואָלפסאָן — 5
מיין גאָרטן — — — — — — — — — — 8
די ווילדע נאַטור — — — — — — — — — 10
אַן אדווערטייזמענט — — — — — — — — 11
זכרונות — — — — — — — — — — — 12
יוגנט — — — — — — — — — — — — 13
חנה — — — — — — — — — — — — — 14
אמאָל — — — — — — — — — — — — 15
מיין טרייסט — — — — — — — — — — 16
אַ ווינטערדיגע אידיליע — — — — — — — 17
אויף דער נאַטור — — — — — — — — 18
אַ חלום — — — — — — — — — — — 19
דערינערונגען — — — — — — — — — 20
זי רופט און מען הערט ניט — — — — — — 21
פארלוירענע האָפנונגען — — — — — — — 22
דער הארבסט — — — — — — — — — — 23
דער זיידע אין פרעמדן לאַנד — — — — — 24
מיין כלה — — — — — — — — — — — 25
דער ניט פארגינער — — — — — — — — 26
אירע סואוועניר — — — — — — — — — 27
געווידמעט מיין באָבע און זיידע — — — — — 28
צען געבאָט — — — — — — — — — — 29
אַ מאָדערנע תפילה פון א גלות איד — — — — 30
צו מיין פאָלק — — — — — — — — — 32
די קאלטע שטאָט — — — — — — — — — 33
ער איז אלט — — — — — — — — — — 34
מיידלשע פאַנטאַזיעס — — — — — — — — 35

בײַ מיר אין שטעטל — — — — — — — — — — 36
די פּארזעסענע — — — — — — — — — — — — 37
עס דרייט זיך דאָס רעדעלע — — — — — — — 38
עקסטאַז — — — — — — — — — — — — — 40
הונגער — — — — — — — — — — — — — — 41
דאָס האָניכל — קינדער — — — — — — — 42
מײַן טאַטנס ליבלינג — — — — — — — 43
דאָס הינדעלע — — — — — — — — — — 44
נאָך אַ הינדעלע — — — — — — — — — — 45
ערב פּסח — — — — — — — — — — — — 46
דאָס פּייער־פּליגעלע — — — — — — — — 47
וואַקאַציע — — — — — — — — — — — — 48
פון שול אַרוים — — — — — — — — — — 49
דאָס פּיצינקע פייגעלע — — — — — — — 50
דאָס פויגעלע — — — — — — — — — — 51
די גרויסע קשיה — — — — — — — — — 52
וואָס איך האָב פיינט — — — — — — — — 53
נאַציאָנאַליזם — — — — — — — — — — 54
אַ סצענע פון אַ פּאָגראָם — — — — — — 55
די מוזע ווײַנט — — — — — — — — — 56
צו מײַן ליבסטער מיידל — — — — — — — 57
אַ איבעריקער — — — — — — — — — — 58
אַ נאַכט־פייגעלע — — — — — — — — — 59
אָפּטימיסט — — — — — — — — — — — 61
אַ אידל פון דער סאָוט — — — — — — — 62
הוליע קבצן — — — — — — — — — — — 63
דער איבערזיכטיקער — — — — — — — — 64

מיין משפחה — — — — — — — — — — — — 65
א פעסימיסט — — — — — — — — — — — 66
נישטאָ קיין מזל — — — — — — — — — 67
האַרבסט — — — — — — — — — — — — 68
צום רעדאַקטאָר — — — — — — — — — — — — 69
אין דעם קליינעם שטעטעלע — — — — — — 70
מיינע אמאָליקע קאַוואַלירן — — — — — — 71
אוי, די ווייבערשע מיילער — — — — — — 72
מיין ווייב איז אין קאָונטרי — — — — — — 73
די ליבע ברענט — — — — — — — — — — 74
אין צען יאָר ארום אין א פרימאָרגן — — — 75
דאָס אָרימע שוחט'ל נעבאך — — — — — — 76
קאָונטרי גליקן — — — — — — — — — — 77
א מיידל פון דעם אלטן שניט — — — — — 78
אפאָריזמען — — — — — — — — — — — 80
ציבעלעם — — — — — — — — — — — — 84
עונג שבת — — — — — — — — — — — — 90